„קול ברמה נשמע", מיר קענען וועקען און שרייען ביז אין הימעל, אָבער leider ווען מיר זאָגען „אהלי שדד", דאן קלאָגט אונז אָן דער זעלביגער פסוק, דער סניגור ווערט גאָר א קטיגור, ווייל „אהלי שדד" מיינט אויך, אַז מיר אליין האָבען אונזערע אהלי קודש צוראבירט און עס איז גאָר נישט געבליבען פון אונזערע הייליגע הייזער. „מיתרו נתקו", די בענדער, וועלכע האָבען אונז פארבונדען מיט אונזערע אבות און מיט דער תורה און מיט'ן אויבערשטען מדור דור, זיינען צוריסען. שבת ויום־טוב שטעהען פארשעמט און באַליידיגט, דאָס טרפות געוועלטיגט אין די אידישע קיכען, אוועק די צניעות פון אונזערע פאמיליעס. וואו זיינען יענע הייליגע אידישע מוטערס, וואָס האָבען מיט זייערע אויגען ארייגעגאָסען קוואלען פון אמונה אין די קינדער, וואָס האָבען איינגעפלאנצט אין זייערע הערצער די אהבה צו תורה און אידישקייט?

„בני יצאוני"! אונזערע קינדער פאלען אָפּ. נישטאָ די ווארימע היימען און עס פארטרייבט זיי די קעלט. די קינדער לויפען אוועק פון די קאַלטע עלטערען, און מיר אליין פארטרייבען דאדורך דעם רבונו־של־עולם, כביכול, פון אונזערע היימען ווייל מיר גיבען אונזערע קינדער לתופת, באו פריצים וחיללו!

נאָר אויב אין אזא צושטאַנד קען מען אפשר מיינען, אז ח"ו אבדה תקותנו, אז מיר קענען שוין גאָר נישט האָפען אויף בעסערע צייטען — זאָגען אונז די חז"ל: „בזאת יבוא אהרן בפר בן בקר, זה אברהם", און דער פרקי דרבי אליעזר זאגט, אז אברהם אבינו האָט דעם בן בקר, וועלכען ער איז נאָכגעלאָפען, דעריאגט אין מערת המכפלה. דאָרט האָט ער געפונען אָדם וחוה און איז אריין אין גרויס התפעלות, ער האָט געזעהען, אז פון איין אָדם קאָן א וועלט באַשאַפען ווערען, און האָט פארשטאַנען, אז איין מענש קאָן א גאַנצען דור און א וועלט באַאיינפלוסען, הן צום גוטען און הן צום שלעכטען, הן אויף בויען און הן אויף צו צוברעכען. דעריבער לעבט אונזער האָפנונג. „אברים שפקעו", וועלכע זיינען אָפּגעשפרונגען פון הייליגען פייער, אָבער אויב מען איז נאָך על המזבח מיט אלע קדשים צוזאמען דאן איז דער דין — „יעלו", מען איז נאָך ראוי צו אלע הייליגקייטען!

לאָמיר זיך אלזאָ יעצט שטעלען בויען א „מעקה", א צוים, א סיג, פאר די הויכע פלעצער, פאר דעם „בית חדש", פאר דעם יונגען דור! לאָמיר מאַכען אַ גדר ארום אונזער כרם ישראל: „נלכה ונשובה אל אישי הראשון", לאָמיר צוריק געהן צום בורא עולם, ווייל קיינער קאָן אונז נישט העלפען נאָר דער רבונו־של־עולם!

אין אזא חורבן־צייט ווי די היינטיגע איז די פליכט פון די רועי ישראל און די שלומי אמוני ישראל מקיים צו זיין — לעסק בדברי תורה. דאָס הייסט, אז די תורה זאָל זיין אונזער עסק, אז קיין אנדער עסק חוץ דער תורה זאָלען מיר ניט האָבען. מיר דארפען פארשפרייטען תורה ומצוות און אידישקייט — אָט דאָס